דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת בשלח י"ב שבט
הי' תהא שנת סגולות ונפלאות – ה'תשס"ו

# אחד עשר – דער מספר פון גאולה

## לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת בשלח תשנ"ב

### אַלץ איז פאַרבונדן מיט דער גאולה

אין סדרות בשלח און יתרו איז דאָ אַ גמײנזאַמע – אין בײדע גרײטן זיך אידן צו מתן תורה. אין סדרה בשלח יציאת מצרים און קריעת ים סוף וועלכע זײַנען געווען אַ הכנה צו מתן תורה, ווי עס שטײט "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה". און אין סדרה יתרו ווערט דערצײלט וועגן יתרו, משה'ס שווער וואָס איז געקומען לויבן דעם אויבערשטן אויף די ניסים וואָס ער האָט געטאָן פאַר אידן, דאָס איז נאָך אַ שלב אין די הכנה צו מתן תורה.

דער רבי מלך המשיח שליט"א פאַרבינדט דאָס מיטן הויפּט ענין וואָס איז נוגע אונז: דער גאולה האמיתית והשלימה, דאַן וועט זיך אַנטפּלעקן די 'תורה חדשה' ווי עס שטײט "תורה חדשה מאיתי תצא" (אַ נײַע תורה וועט פון מיר אַרויסקומען). סדרות בשלח און יתרו זײַנען אַ הכנה צו מתן תורה פון יעמאָלט, אָבער אויך און בעיקר צו די תורה חדשה וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן אינגיכן.

### אַ פראַגע

אין אָנהויבּ אונזער סדרה דערשײַנט דער פּסוק "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים", דער אויבערשטער האָט ניט אָנגעפירט די אידן אין די קורצע און שנעלע וועג דורך לאַנד פלשתים.

אויב אידן וואָלטן געפאָרן דורכן לאַנד פלשתים, וואָלטן זײ אָנגעקומען קײן ארץ ישראל נאָר מיט עלף טעג. אָבער אַלס אַ שטראָף אויף די זינדיקן אין מדבר, האָט דער אויבערשטער זײ פאַרוואַלגערט אין פאַרלויף פון פערציג יאָר ביז זײ זײַנען אַרײַנגעגאַנגען קײן ארץ ישראל.

ווי פאַרבינדן זיך, דער זינד און דער שטראָף, מיט דער גאולה וואָס איז אינגאַנצן גוט?

### יעדער צאָל האָט אַ באַדײַטונג

דער רבי מלך המשיח שליט"א אין זײַן ערקלערונג, אַנטפּלעקט די פּנימיות הענין אַזוי אַז דער זאַך זעט אויס גוט:

ווען דער מספר עשר (צען) דערשײַנט אין תורה דײַט ער אָן געוויײנלעך אויף די עשר ספירות, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט עשרת הדברות וואָס מיר האָבן באַקומען פון דעם אויבערשטן אין סיני. אָבער דער מספר **אחד עשר** (עלף) דײַט אָן אויף דעם אויבערשטן אַלײן 'עצמות ומהות' וואָס איז העכער פון אַלע ספירות, וואָס וועט אונז אַנטפּלעקן די 'תורה חדשה' וועלכע מיר וועלן באַקומען אין דער גאולה, דאָס זײַנען די סודות פון פּנימיות התורה וואָס באַהאַלטן זיך אונטער די עשרת הדברות.

דער מספר **ארבעים** (פערציג) דײַט אָן אויף דעם פאַרשטאַנד און דערנעמונג פון דעם מענטשן – "בן ארבעים לבינה".

דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַנטפּלעקן די אידן דעם גרויסן גילוי וואָס איז אָנגעדײַטעט אין דעם מספר 'אחד עשר', און פון זײַן ליבשאַפט צו זײ, האָט ער געמאַכט לענגער די וועג פון עלף טעג אויף פערציג יאָר, כדי אַז אין דעם לאַנגער צײַט וועלן אידן קענען דערנעמען דעם גרויסן גילוי און אים באַנעמען אינערליך.

וואָס איז געווען אין די פערציג יאָר וואָס האָט זײ צוגעהאָלפן אויפנעמען דעם גרויסן גילוי?

ערקלערט דער רבי מלך המשיח שליט"א:

אַז אַ איד איז מקיים די עשרת הדברות – כולל גאַנץ תורה ומצוות – אין זײַן שטוב, אין

חײדער און אין שול, אַנטפּלעקט ער געטלעכקייט אין וועלט, די עשרת הספירות. אָבער אַז ער גייט אַרויס אין **מדבר** – אַ װיסטער אָרט אין אַ רוחניות'דיקער זין, און **דאָרט** איז ער מקיים תורה ומצוות און ווירקט אויף אנדערע זיי זאָלן זיך פאַרשטאַרקן אין אידישקייט, דעמאָלט איז ער זוכה צו די הויכע בחינה פון 'אחד עשר'.

און דאָס איז וואָס אידן האָבן געטאָן אין מדבר אין פאַרלויף פון פערציג יאָר. דער מדבר איז אַן אָרט פון טומאה, דורך זייערע עבודה האָבן די אידן מעלה געווען די ניצוצות וואָס זיינען דאָרט געווען, די האַרעוואַניע האָט זיי צוגעגרייט און האָט זיי געמאַכט ראוי צו מקבל זיין דעם גרויסן גילוי פון דעם אויבערשטן אַליין.

### דער ענטפער

און דאָס איז אויך דער פאַרבונד פון דעם לאַנגער פאַרוואַלגערונג אין מדבר צו דער גאולה שלימה.

דער גאַנצער אָפּהאַלט אין מדבר איז אַ טייל פון די הכנה צו דער גאולה, וואָס דאַן וועט זיך אַנטפּלעקן צו אונז דער אויבערשטער 'עצמות ומהות', און וועט אונז געבן די "תורה חדשה **מאתי** תצא", פון דעם אויבערשטן אַליין.

### אחד עשר – דער רבי מלך המשיח שליט"א

דער מדבר איז געווען נאָר דער אָנפאַנג! ווײַטער זיינען געווען צוויי טויזנט יאָר אין וועלכע אידן האָבן זיך פאַרשפּרייט אין גלות אין פאַרשידענע ערליי 'מדבריות' וואָס האָבן זיי געשטערט מקיים זיין תורה ומצוות, זיי זיינען ניט נתפעל געוואָרן און האָבן מברר געווען אַלע ניצוצות וואָס זיינען געווען אין יעדער אָרט, און דערמיט ממשיך געווען דעם גרויסן גילוי פון אחד עשר, און איצטער גייען מיר באַלד באַקומען די תורה חדשה, ווען דער רבי מלך המשיח שליט"א וועט נתגלה ווערן.

אויך דער רבי מלך המשיח איז פאַרבונדן מיט'ן מספר אחד עשר:

חודש שבט, איז דער חודש האחד עשר (דער עלפטער מאָנאַט פון ניסן), און נאָכמערער, **שבט** איז פאַרבונדן מיט מלך המשיח ווי עס שטייט "וקם **שבט** מישראל" – אַ פּסוק וואָס רעדט אויף משיח'ן.

און טאַקע אין יום העשירי פון חודש שבט האָט דער רבי ריי"צ משלים געווען זיין הייליגע עבודה און איז נסתלק געוואָרן פון דער וועלט. פון דאָרט גייען מיר אַ טאָג ווײַטער, דער יום האחד עשר אין וועלכן ס'ווערט נמשך די עבודה אין אַ נאָך אַ העכערן אופן, ביז אַז ס'אַנטפּלעקט זיך אין וועלט בחינת **אחד עשר** פון דעם אויבערשטן.

דער רבי מלך המשיח שליט"א דייט אויף אָן אויף דעם אַז אין דעם טאָג האָבן מיר זוכה געווען אַז ער אַליין – דער מלך המשיח – האָט ארויפגעצויגענגען צו נשיאות. און ער איז דער וואָס פועל'ט דאָס אַלעס. אויך דער יום הולדת פון רבי'ן פאַלט אויס אין דעם **יום האחד עשר** פון חודש ניסן.

און אין יאָר תשנ"ב, נאָך צוויי און פערציג יאָר נשיאות וואָס זיינען כנגד די צוויי און פערציג מסעות וואָס אידן האָבן געטאָן אין מדבר, איז נשלם געוואָרן אונזערע עבודה און תיכף ומיד וועלן מיר פאַרענדיקן די רייזע און אריינגיין אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה.

### תכל'ס

מיר דאַרפן צוגעבן און משלים זיין (ניט אַז עס פעלט עפּעס, אָבער אַלעמאָל קען מען טאָן בעסער) די אַלע ענינים וואָס זיינען שייך צום רבי'ן ריי"צ, לערנען מתורתו און גייען בדרכיו אין הפצת המעיינות און דוקא מתוך שמחה.

**ובמיוחד בנוגע להתפלה על הגאולה האמיתית והשלימה (ובפרט לאחר שכבר "כלו כל הקיצין", ונשלמו כל עניני העבודה, כדברי כבוד קדושת מורי וחמי אדמו"ר נשיא דורנו) – שנוסף על רגש הכוסף והתשוקה והגעגועים להגאולה (עד עתה), צריך להיות עכשיו גם ובעיקר רגש השמחה מזה שהגאולה באה בפועל ממש ברגע זה ממש.**

• • •

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**


ווילסטו איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?

אין ארה"ק - קינדער: (054) 795-5493, אין ארה"ק - מיידלאך: (054) 646-0770, אין ארה"ב: (718) 290-4444

עס איז מעגליך צו אראפנעמען דעם 'דבר מלכות פאר קינדער' יעדע וואך אין אתר פון חב"ד אינפא'



עריכה: בן מנחם ● הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך ● הגהה לשונית: ב. נחשון ● הורים לאריוש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן ● י"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק